האט בעגעגענט א לעמעלע און עס פערצוקט. טראצדעם וואס דאס לעמעלע האט געבעטען רחמנות, איז דאס קאנקרעט. אהן א צווייפעל, דער וואלף האנדעלט אימער אזוי, ווען מיר זאלען אבער דאס זעלבע דערצעהלען וועגען א וואלד־גזלן און א שוואכען רייזענדען, איז שוין דאס ניט זיכער, ווייל אמאל קען מען זיך ביי דעם ערגסטען גזלן אויס־בעטען רחמנות און אמאל קען דער שוואכסטער מענש טויטען דעם שטארקסטען דורך א קלוגען איינפאל אדער געלונגענעם צופאל.

2) די פאבעל מוז אונז בעלייכטען א געוויסען מענשליכען שטריך, א געוויסע ווארהייט, אבער ניט קיין אבסורד. צו בעווייזען מיט א קלאה־רען ביישפיעל, אז מענשען דארפען געהן מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, מעג די פאבעל זיין ווי שעהן און גוט, טויג זי ניט, סיידען זי זאל פארשטעלען מיט זיך א וויץ. אבער דאן איז עס טאקע א וויץ און ניט קיין פאבעל.

3) א נייע פאבעל דארף בעהאנדלען אימער א נייעם שטריך, א נייעם אמת וואס איז נאך ניט בעהאנדעלט געווארען אין דער פריהעריגער פאבעל־ליטעראטור. אדער ווען יא, דארף זיך די נייע פאבעל אויס־צייכנען מיט דער מאדערנקייט פון דעם נייעם ביישפיעל. עס זאל קענען הייסען אז אלטע ווארהייט אין א מאדערנער נייער קלייד. אין דער פאבעל אויף זייטע 56, „די קאטשקע און די הוהן", וועט דער לעזער געפינען א מוסטער פון דעם ערשטען סארט פאבלען און אויף זייטע 62, אין דער פאבעל „דאס קוועקזילבער" וועט ער קענען זעהן דעם צוויי־טען סארט פאבלען.

4) און דאס לעצטע און זעלבסט־פערשטענדליכע, אז דער מאדער־נער פאבוליסט זאל זיך בענוצען מיט א ריינער און ריכטיגער שפראך און ווען זיינע פאבלען זענען געשריבען אין געגראמטע שורות, זאל אלעס קומען לויט די טעכנישע כללים פון ריהטם ווי עס פאדערט זיך אין דער אלגעמיינער פאעזי.

דיעזע אלע וויכטיגע פונקטען, זענען לײדער פון מיינע קריטיקער ניט אנגעריהרט געווארען און ניט זייערע לעזער. ניט איך אליין האבען עטוואס געקענט לערנען פון די סתם־דבורים און פערגרייזטע סברות. פון מיר פערזענליך קומט זיי אבער א דאנק פאר שכר־הליכה, פאר זייער וועלען געהן צו טהון די רעצענזיע ארבייט אבוואהל זיי האבען דעם געווינשטען רעזולטאט, די אמת'ע קריטיק, ניט געבראכט. מיין ווייַ־טערע ארבייט האב איך געמוזט טהון פערלאזענדיג זיך אויף מיינע איי־גענע קרעפטען, זוכענדיג און טאפענדיג מיין וועג אין דער אלגעמיינער ליטעראטור־וויסענשאפט בנוגע פאבלען.

אין דער געגענווערטיגער אויסגאבע וועט דער לעזער געפינען דריי